המשך פון בוך III: 2 די כּויסער אין חלום אין ווען יאַש איז געקומען



# פראַגמענט פון „ווען יאַש איז צוריקגעפאָרן"

פון יעקב גלאַטשטיין

נחמנס דיגערמאַכעריי. די טיר אָפן צום מאַרק. סיהערן זיך קולות פון הענדלערס. יאַנקל שטן זיצט און חשבונט אויף אַ שטיקל פאַפיר. בתיה שטייט איבער אים.

ב ת י ה : דאַרום טענה איך דאָך אַלץ מיין טענה, אַז אַ שרפה אויב מען פאַרכאַפּט נישט מיט אַ שעפל וואַסער איז שלעכט. און דו, שטאַט זאָלסט אים אַביסל אָפּקילן, שטאַט זאָלסט אים איינהאַמעווען, צעבלאָזטו נאָך ס'פייער.

י אַ נ ק ל ש ט ן : (חשבונט, באַלעקט די געגנדזענע פעדער, טונקט איין אין טינטער און שרייבט).

ב ת י ה : מע רעדט צו אים, איז גאַדאַי דאָ שטשאַני, האָט זיך פלוצטאַלבן צעחשבונט וועגן די גרויסע פאַלוואַרקן זיינע. מע רעדט דאָך עפּעס צו דיר וועגן תוך זאַכן. אין שטעטל ברענט אַ פייער. מע וועט "דאָך אים באַלד נישט לאָזן אויף די אויגן.

י אַ נ ק ל ש ט ן : כ'לעבן, בתיה, איר צעשלאָגט מיר די רעיונות, אַז איך ווייס נישט אויף וואָסער וועלט איך בין. וואָס בין איך אייך פאַר אַ פעטער ? ס'האָט איר זיך צוגע־קלעשטשעוועט צו מיר ? איר זעט דאָך אַז איך בין פאַרגעבן. ס'מישט זיך מיר שוין אין מוח ,אַז שטאַט חסור האָב איך גאָר געכפּלט.

ב ת י ה : זע נאָר, דער גרויסער רעכנמייַנסטער האָט זיך צעפּלאָקאָקערט. אינמיצקע דערינען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט רעכענען און נישטאָ צו וועמען צו ריידן. מע קען שוין די קינ־צעלעך. ער ווייס דאָך אַז דו העצקעסט אים נאָך אונטער. מ'עט דאָך שוין נחמנען באַלד נישט לאָזן אַדערכגיין. ס'ברענט דאָך אַ פייער און ער מאַכט זיך קילעיאַדע. אפשר קענסטו מיר זאָגן וואָס פאַר אַ חטא איז ער באַגאַנגען ? וואָס ווילן זיי פון זיינע אָרעמע הויט און ביינער נעבעך ?

י אַ נ ק ל ש ט ן : בתיהניו קרוין, אפשר קענט איר מיר זאָגן סאַראַ חטא בין איך באַגאַנגען ? וואָס ווילט איר פון מיין לייב און לעבן ?

ב ת י ה : איך בין דאָך אַ שוועסטער, נישט וואָר ? טוט מיר וויי ס'האַרץ.

י אַ נ ק ל ש ט ן : מיין שוועסטער ?

ב ת י ה : נאָך דאָס פעלט מיר, יאַנקעלע שטן, נאָך דיין שוועסטער צו זיין פעלט מיר אַקוראַט צום רומל. זאָג נאָר, אַנטיקל מיינס, האָסט אַ שוועסטער, אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ קרוב, אַ גואל, אַ רינד, אַ קינד, אַ פּי, אַ קאַלב, אַ גאַנער, אַ קודלדעפּי ? נאָך זיין שוועסטער פעלט מיר נאָך צו מיין בינטל.

י אַ נ ק ל ש ט ן : נישט מיין שוועסטער, דאַנקען און לויבן דעם וואָס זיצט אויבן. וואָס זשע האָט איר זיך צוגע־טשעפּעט — טשעפּיעץ פון אַ יידענע ? וואָס האָב איך חוטא בעגל געווען ? וויפל בין איך אייך שולדיק ? כ'לעבן איר מאַכט פון מיר אַ וויעכעטש. (פאַר זיך :) 22 און 23 איז — איז יאָ, וויפל איז 22 און 23 ?

ב ת י ה : איך בין געקומען וועגן אַכצן און דרייצן און פאַרקלאַפּ מיר נישט קיין ספּאָדעק מיט דיינע ראַכונקעס. וועסט רעדן ווען איך זאָל אפילו דאַרפן נעמען אַ צוואַנג און דיר עפענען דעם פּיסק.

י אַ נ ק ל ש ט ן : איר סטראַשעט די גענדז. מילא, בקיצור איז אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, איין מאָל און צוויי מאָל. נחמן האָט דאָך ליב אַ קאַפּעלע חקירה. זעט איר, בתיה, דווקא פאַרקערט. איך האָב אים אַלעמאָל געוואָרנט, אַז מיט די טאַבעק־שמעקערס און קילעוואַטע יידן זאָל ער זיך גאָר נישט אַרייַנלאָזן אין קיין צו לאַנגע מחזוקות.

ב ת י ה : אַ לעבן אויף דיר, רעדסט דאָך.

י אַ נ ק ל ש ט ן : איר זעגט מיך שוין ווידער מבלבל. הכלל, אַ וואָרט אַהער אַ וואָרט אַהין, זיי האָבן עס צעלייגט אויף טעלערלעך און נחמן איז שוין ביי זיי געוואָרן אַ כופר בעיקר.

ב ת י ה : (וויינט) מיין אָרעמער ברודער. וואָס האָבן זיי צו אים די גזלנים ? זיי זענען דאָך נישט ווערט זיין שטאָנע.

י אַ נ ק ל ש ט ן : אַז איר וויינט, בין איך שוין פאַרטיק. (בתיה העשעט, ווישט זיך די טרערן) אָבער איצט, אַז עס איז שוין אַוועק אין די גרויסע גדולות, איז צאָ פּראַוודאַ טאָ פּראַוודאַ. איך העצקע אים נישט אונטער, נאָר זאָגן זאָג איך אים ער זאָל זיי אַלעמען האָבן ביין איילן טיף. ער האָט זיי סיי ווי אינדרערד. חיונה גיט אונדז דער ערל, דער פויער און נישט זיי. מעג מען זיך פאַרגינען צו סראַליען אויף זיי. אַזוי זאָג איך אים. ווייטער איז נישט מיין באָבעס דאגה. איך גיי זיך מיין וועג און ווען אַ יידענע ציט מיך נישט ביי דער צונג, טרייבערט מיר נישט די אָדערן, זעגט מיר נישט די געדערים, וואָלט ביי מיר געווען שאָ שטיל, ווייל דער גאַנצער אינטערעס איז ביי מיר נישט ווערט קיין שישקע פולווער.

נ ח מ ן : (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום. כאַפּט בתיהן ווישנדיק די אויגן. יאַנקל שטן איז אין אַ פאַרלעגנהייט. ער פאַרטיפט זיך כלומרשט אין חשבון.)

י אַ נ ק ל ש ט ן : 22 און 23 (צו נחמנען :) וויפל איז פאַרט 22 און 23 ? כ'פלאָנטער זיך און פלאָנטער זיך און קען זיך ניט אַרויספּלאָנטערן.

נ ח מ ן : (ענטפערט נישט, רעדט ווי צו זיך) אַי אַ קאַשע. אַי פאַרקאָכט אַ קאַשע. הערסט, יאַנקל, כ'איז געוואָרן אַזוי אַז כאָטש נעם שפּאַן איין פערד און וואָגן און אַנטלויף פון דאַנען.

ב ת י ה : (צעוויינט זיך אויפן קול)

נ ח מ ן : וואָסי ? האָסט שוין אויך געקראָגן די פּאַטשט. איז לאָמיר הערן, שוועסטער, וואָס איז דאָ פאַראַנען צו וויינען ?

ב ת י ה : זיי וועלן דאָך דיר די טריט ברענען .

נ ח מ ן : (מיט אַ שמייכל) מע ברענט שוין די טריט. שוין. אַלע קוקן אויף מיר מיט אַ רציחה, ווי איך וואָלט זיי געקוילעט די קאַפּאָטע. פאַרשטייסט, הערש בער, דער גרויסער בעל־מוח, האָט מיך געהערט זאָגן, אַז איך גלייב נישט אין קיין השגחה פּרטית. איך האָב גאָר, פאַרשטייסטו מיך, פאַרגעסן צו וועמען איך רייד און איך האָב אים באַריכות פאַנאַנדערגענומען דעם שכל פון אַ העכערער גאָטהייט און איינוועגס פון דעם, אַז עס לייגט זיך נישט אויפן שכל ער אויבן זאָל זאָרגן, וואָס איך אונטן האָב נישט אויף שבת. אַזוי אָ, מיט די פּראָסטע־זמאָסטע רייד. נו, נו, הכלל, עס האָלט שוין דערביי, אַז איך בין אַן אויסוואורף און מע טאָר אין מיינע דלד אמות נישט שטיין. (לאַכט ביטערלעך :) וואָס דאַרפסטו מער ? חדר־ייִנגלעך שרייען מיר שוין נאָך : אַפּיקורס. און דוכט זיך, איך בין נישט זיכער ,אָבער מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איינער האָט זיך אפילו פאַרמאָסטן מיט אַ שטיין.

ב ת י ה : אַ בראָך איז צו מיר. אַזוי ווייט האָלט עס שוין. מע זאַמירעט זיך שוין מיט שטיינער. ס'זאָל זיי וואַרפן הייזער־הויך. (מיט פלוצימדיקן כעס) וואָסי ? האָסט זיי געמינערט אַ ביסל פון רבונו של עולמס גלאַנץ און פּראַכט.

דער אַ וואָס שפּייזט אַ וואָרעם אונטער דער ערד און פאַרגעסט מיר און מיינע קינדערלעך צו געבן אויף אַ שטיקל פּיסטנע ברויט. —

נ ח מ ן : אַט־אַט, וועגן דעם האַנדלט זיך דאָך. ביסטו, הייסט עס, מסכּים מיט מיר. (איראָניש :) איז דאָך ווידער נישטאָ וואָס צו רעדן. אַבי דו ביסט מיט מיר, און דו, יאַנקל, אויך —

י אַ נ ק ל ש ט ן : איך זאָג, אַז דו האָסט זיי נאָך נישט גענוג טיף אין דר'ערד. טיף צוגעקאָפּעט דאַרפסטו זיי האָבן. גיב אַ שפּיי שקץ תשקצנו און אַרונטער פון מאַרק.

ב ת י ה : וואַרט, וואַרט. איך וועל נאָך גיין פון טיר צו טיר און זיי אַלעמען מאַכן דעם שוואַרצן סוף. איך וועל זיי די גאָטס גנבימלעך, דערציילן אַ מאַינסע וועגן רבונו של עולם מיט דער אַטלעסענער קאַפּאָטע. (לויפט.)

נ ח מ ן : (שרייט איר נאָך) נעם זיך נישט צום האַרצן. (צו יאַנקלען :) זעסטו, אַ רחמנות איז מיר אויף גנענדלען. נאָך קיין גאַנץ יאָר נישט נאָך דער חתונה. זי איז דאָך דאָ אַ פרעמדע, אַן עלנטע. און דאָ ווערט מען איר נעמען פאַרצאַפּן דאָס בלוט פאַר איר מאַנס חטאים.

י אַ נ ק ל ש ט ן : וועגן גנענדלען, זעסטו, גיי איך זיך שוין נעמען זאָרגן. וועגן איר ביסטו אויסגעזאָרגט. זי האָט זיי אוודאי אין דר'ערד. אָט די אַלע גאָטס כשרע אידעלעך גייען דאָך אויס נאָך אירע טריט.

נ ח מ ן : יאָ, זיי פאַרגינען מיר נישט ס'לעבן. באמת, זוי ווי אַ רויז צווישן דערנער בליט זי קיין עין הרע.

י אַ נ ק ל ש ט ן : פאַרוואָס זאָל מען דיר פאַרגינען? צווישן די אַלע לייזיקע שייטעלעך איז זי דאָך — איז זי דאָך —

נ ח מ ן (מיט אַ שפּאָטישן שמייכל :) יאַנקעלע, וואָסי, פאַרגינסט מיר שוין אויך נישט?

י אַ נ ק ל ש ט ן : נאמנות, איך פאַרגין דיר, נחמן, פון גאַנצן האַרצן. מאַכסט חוזק פון מיר, פון אַן אַלטן בחור. ווייסט דאָך אַז איך בין שוין נעענטער ווי ווייטער. איך האָב זי, נאמנות, ליב ווי אַ פעטער. זי איז מיר עפּעס, פאַר דער קערצער צייט, איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרץ.

נ ח מ ן : זי איז עס ווערט. זי איז עס ווערט. (אַ שטיין גיט פּלוצים אַ פאַל אַריין דורך דער אָפענער טיר. נחמן בלייבט שטיין אַ צעטומלטער. יאַנקל שטן לאָזט זיך לויפן. עס הערן זיך געשרייען. קומט באַלד צוריק אַ פאַר־סאַפּעטער.)

י אַ נ ק ל ש ט ן : משה סעטיקס בר־מצווה־בחור. נישקשה, איך האָב אים מקיים־פּסק געווען. איך האָב אים אויסגעשרויפט דעם לינקן פוס פון אָחור. אויב זיי וועלן נישט אָפּלאָזן, וועל איך לאָזן אַוועקשטעלן אַ סטראַזשניק.

נ ח מ ן : פע, אַ חילול השם, מע דאַרף נישט קיין לייטישע געלעכטער. ס'עט זיך מסתמא איבערברענען. (קוקט אַרויס) זע נאָר זע, דוכט זיך, אַז דער רב גייט. יאָ, דוכט זיך ער גייט אַהער.

י אַ נ ק ל ש ט ן : אויב אַזוי מאַך איך שוין אַמיק. איך טראָג זיך גלייך אָפּ. ווייסט דאָך אַז איך קען נישט פאַר־טראָגן קיין רבנימלעך, דייגימלעך, שמשימלעך, גלחימלעך און אַנדערע כלי־קודש. (קוקט אַרויס דורך דער טיר) יאָ, ער גייט טאַקע גלייך צו אונדז, בין איך שוין נישטאָ (לויפט אַרויס. רב קומט אַריין, בלייבט שטיין ביי דער טיר).

ר ב : אַ גאָטהעלף.

נ ח מ ן : אַ גאָטהעלף, רבי. קומט אַריין, זייט מוחל, זעצט זיך. ברוכים הבאים.

ר ב (קומט נעענטער. זעצט זיך אַוועק. נעמט אַרויס גאָר פּאַמעלעך אַביסל טאַבעק פון טאַבעק־שקעטעלע און מיט ציטערדיקע פינגער לייגט ער עס אין די נאָזלעכער) : אַ שיינער דרויסן. די זון וואַרעמט. ממש אַרויס פון פּוטערפאַס.

נ ח מ ן : יאָ, אַ שיינע פּאָגאָדע. אַ גילדענער ערב־פּסח.

ר ב : נאָך דאָ גוטע צוויי וואָכן.

נ ח מ ן : יאָ, צוויי וואָכן, מע זאָל דערלעבן מיט געזונט.

ר ב : איך שטער דיר, חלילה, אין דער אַרבעט?

נ ח מ ן : ניין, רבי, עפּעס לייגן זיך היינט אינגאַנצן נישט די הענט. מען פאַרגעסט אַמאָל אין אַרבעט, אין הצטרכותן, דער קאָפּ איז פאַרקלאַפּט.

ר ב : פאַרשטענדלעך, גלייב מיר, ביסט דאָך נישט קיין נאַר. ווייסט דאָך, אַז איך בין געקומען עפּעס אין אַ שליחות, אָבער די לעפצן עפענען זיך נישט. איך ווייס נישט, אקדמות, פון וואָס מע פאַנגט אָן.

נ ח מ ן : הכלל, גאַנץ קהל האָט אַרויסגעלאָזט אַ שם, אַז איך בין אַ פּאָשע און עוכר ישראל, אַ כל־בוניק.

ר ב : איך האָב דערפון באמת עגמת־נפש. עס האָט מיר שוין צוגענומען אַ שטיק געזונט. איך האָב היינט נאַכן דאַווענען נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. אַי, נחמן, נחמן. איך האָב דיר אָבער אַלע מאָל געזאָגט אַז חקירהן זיך דאַרף מען אויך וואויל וויסן מיט וועמען.

נ ח מ ן : איך האָב חלילה נישט קיין פּרעטענזיעס צו קיינעם.

ר ב : אַ יונגערמאַן איז קלוג, קלוג און דאָך, זאָלסטו מיר מוחל זיין. און בכלל מיינט אַ יונגערמאַן אַז ספקות זיינען אַ נאָווינע, אַ גוואַלטיקער אויפטו. גלייב מיר, אלהות איז אַזוי למעלה מן השכל, אַז אפילו ספקות זענען אויך גשמיות.

נ ח מ ן : אַ שיינער רעיון, רבי. אָבער דער מענטש־לעכער מוח מיינט אַז ער איז אַ גאַנצער יש און ער זוכט, נישט־טערט. ער רעדט זיך איין, אַז אַט־אַט און ער דערגרונטעוועט.

ר ב : איז וואָס דאַרף מען זיין אַזוי אומגעדולדיק? פאַר־קערט, נעמט מען די מחשבות און מע באַוואָסערט זיי אַזוי ווי די בלימעלעך, נאָר פאַר זיך אין חדרי חדרים. וואָסי? שלעכט צו האָבן יחוד מיט אייגענע מחשבות? דאַרף מען זיי גלייך אויספּלאַפּלען פאַר אַ ליאַדע פאַרך?

נ ח מ ן : צי איר זענט גערעכט, רבי?

ר ב : ובפרט, וואָס האָסטו אַזוינס אויסגעטראַכט? אַז עס איז נישטאָ הייסט עס, מע זאָל אָפּגעהיטן ווערן, קיין השגחה פּרטית. ווייסטו דאָך, אוודאי, אַז עס איז אויף דיין מיסט נישט געוואַקסן. מע האָט שוין געזאָגט און געשריבן און פונדעסט־וועגן איז השמים שמים לאַדוישעם און מיר קוקן נאָך אַלץ אַריין אין דער גאַנצער געשיכטע ווי אַ האָן אין בני אָדם.

נ ח מ ן : איך ווייס, אַז איך האָב דאָ נישט מגלה געווען דעם קץ. איז דאָך אוודאי די קשיה, למה רגשו גוים?

ר ב : וועגן דעם איז אָפּגערעדט. אַז זיי זענען רשעים, איז אַן אַנדער מעשה. איך האָב זיי שוין זייער פּסק געגעבן. איך האָב אין זיי גענוג אַריינגעמוסרט. איך האָב זיי דערציילט, וואָס דאַרפסטו מער, וועגן ברוך שפּינאָזאַן, וועגן דעם ווי מע האָט אים מיט די אייגענע הענט מדחה געווען, שטאָט צו גיין מיט גוטן. ביז מע האָט אים, באַשירעמט זאָלן מען ווערן, כמעט פאַרשטויסן צום ברית החדשה.

נ ח מ ן (ציטערט אויף) : רבי, איר דאַרפט נישט האָבן קיין פּחד. נישט איך בין שפּינאָזאַ —

ר ב (שלאָגט אים איבער) : כ'ווייס, איך האָב בלויז געגעבן אַ משל. איך זאָג זיי, אַז עס האַנדלט זיך גאָרנישט וועגן דיר. מע קען דיך נאָך חלילה אַזוי פאַרביטערן, אַז עס זאָל קומען צו חרפות און בושות. אַזוי טענה איך מיט זיי. אָבער פאַר דיר מעג איך דאָך זאָגן, ווי פאַר אַן אייגענעם. נישטאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין.

נ ח מ ן : רבי, איך האָב חלילה נישט קיין תרעומות אויף זיי. איך טראַכט אָפטמאָל, רבי, אַז דער עונש איז נישט פאַר דעם, דאָס איז בלאָטע. עס איז אפשר פאַר אַנדערע מחשבות, וואָס ראַיען זיך נאָך ביי מיר אין קאָפּ אָן סדר. עפּעס דוכט זיך מיר אַליין אַז איך פרעג אָפּ אַ סך, אַ סך זאַכן און זיי האָבן עס הפנים דערשנאַפּט. איר ווייסט דאָך, גאַנץ קהל האָט איין גוטן חוש הריח.

ר ב : אָסור צי האָב איך מורא פאַר מחשבות. אַז מע איז נאָר דער האַר פון די אייגענע געדאַנקען און מע פאַרקריכט נישט אין האַצעפּלאַצע. ס׳איז דאָך ממה נפשך : איז דאָס מוח׳ל אַ שוואַכס, ווערט מען משוגע, רחמנא לצלן, און די אַלע מחשבות זענען נישט ווערט קיין איי אין זויערן. אי, מע האָט אַ ליכטיקן קאָפּ און דעם אמתן פייערדיקן מוח, טוט מען דאָך, און דווקא מיטן רבונו של עולמס הילף, אויף חידושים. נאָר דערעיקרשט, שטעכן זיי מיר די אויגן מיט דעם גלח. טאַקע, וואָס טוט דער כומר ביי דיר ? מע זאָגט אַז ער איז אַן אָפּטער גאַסט. פאַרשטייסט דאָך, אַז איצט איז אַ שעת הכושר פאַר אַלע מיאוסע בילבולים.

נ ח מ ן : רבי, עס איז געמיין. דאָס איז שוין געמיין. זיי אַליין ווייסן אַז דער גלח סטאַנקעוויטש איז מיינער אַ באַקאַנטער נאָך פון ווען ער איז געווען אַ קליינער שייגעץ.

ר ב : טאַקע ?

נ ח מ ן : אַז די כאָליערע האָט אויסגעדישעט דאָס גאַנצע שטעטל מיינס און די מאַמע, זכרונה לברכה, איז אומגעקומען און דער טאַטע איז פון האַרצווייטיק אויך גלייך אַוועק, בין איך דאָך פאַרבליבן אַ קיילעכדיקער יתום.

ר ב : נעבעך !

נ ח מ ן : דער פעטער גרשון פון קאָנאָפּניצע האָט מיך גענומען אויסצוהאָדעווען. דער פעטער גרשון איז אַן עקר נישט אָפּגעדאַכט, און איך בין נאָך איצט ביי אים און ביי דער מומע פויטשע ס׳אויג אין קאָפּ. איז וואָס ווייסט אַ קינד ? יאַנעק סטאַנקעוויטש איז געווען אַ פּיך שייגעצל. ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. ער איז שטענדיק געווען אַ פאַרחלומטער, מיט בלויע ליכטיקע אויגן. אַ גוטער קאָפּ. איר זעט דאָך. אַ פּשוטן פּויערס אַ זון און ער האָט אויסגעלערנט אויף גלח.

ר ב : נו, טאַקע, קיין פּראָסט קעפּל קען דאָס נישט באַוויזן.

נ ח מ ן : זענען מיר געוואַקסן צוזאַמען ווי, להבדיל, צוויי ברידער. דער פעטער גרשון האָט מיך טאַקע געקאַטעוועט פאַר חברן זיך מיט אַ שייגעץ, אָבער מיר האָבן זיך ווייטער געחברט און מיד געוואָרן איז ער. איצט, פאַרשטייט איר אַליין, אַז ער איז געוואָרן גלח, זאָל איך אים אַרויסטרייבן, זאָל איך אים ? כ׳קען נישט. בפרט, אַז ער איז אַ וואוילער גוי. ער איז אַליין אַ חלוש, נישט אָנגעגאָסן מיט בלוט ווי אמתע גויעצעס. רק ער פּאַכעט מיט דער נשמה און איז תמיד אַ פאַרטרוימטער און איז נישט קיין שונא ישראל, באַשטימט נישט קיין שונא, אויף מיינע נאמנות. פאַרקערט, אַז ער קען נאָך טאָן אַ טובה אַ ייד, לויפט ער, נעבעך, מיילן.

ר ב : דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנדערע מעשה. הערט נאָר אַביסל, וואָס בייזע צינגער קענען. מע קען דאָך אַזוי אַוועקלאָזן אַ מענטשן אויפן פייער.

נ ח מ ן : אַ זיסטן, ווייסן זיי דען נישט די מעשה. איר, רבי, זענט נאָך דאָ נישט קיין תושב, אָבער זיי ווייסן גאַנץ גוט, נאָר ס׳לוינט זיך איצט צום רומל, קלאַפּט מען דעם שטיין אויך, אפשר וועט אַרויס וואַסער. אָבער, באמת, איך האָב אויף זיי נישט קיין פאַראיבל. רבי, עס איז מיר נישט גוט. ווי האָט איר פריער געזאָגט וועגן דעם שוואַכן מוח׳ל ? כ׳האָב מורא אַז איך וועל משוגע ווערן.

ר ב : מיינע שונאים, און וואָס גייט עס אייגנטלעך ?

נ ח מ ן : ס׳גייט, ווי קען מען עס אַרויסברענגען ? עס ... ס׳גאַנצע יידישע לעבן, דוכט זיך מיר, האָט קיין האַפט נישט ...

ר ב : איצט פּלוידערסטו שוין גלאַט ווי אַ גולם. וו... גייט דיך אָן דער האַפט פון קיום היהדות ? ס׳איז דיין עס... און בכלל, הער נאָר, פאַנער בחור מיינער, וואָס האָבן זיך דיר אַזוי צעהאַצקעט די געדאַנקען ? איצט ווייס איך ש... פאַרוואָס דו האָסט נאָך נישט געמאַכט קיין ברית. אַז מע ה... אַזעלכע זאַכן אויפן קאָפּ. אָבער — (גיט אַ שמעק טאַבּ...) דו הערסט ? היינט זאָלסטו קומען צו קבלת שבת אין ... אַריין. זאָלסט גאָר קיין מורא נישט האָבן. אַזוי לאַנג ווי א... בין מרא דאתרא, וועל איך נישט דערלאָזן צו קיין שקאַנדאַ... דו הערסט ? קומסט היינט אין שול אַריין.

נ ח מ ן : אפילו נישט איינגעפאַלן אַז נישט. איך ה... נישט קיין מורא פאַר קיין מענטשן.

ר ב (הייבט זיך אויף) : אָט דאָס זיינען דיבורים. (לאָ...) זיך צו דער טיר) און הערסט ? הער מיר אויף צו טראַ... וועגן קיום היהדות. פאַרזאָרג דיר דיינע אייגענע געשעפ... דער רבונו של עולם וועט שוין פאַרזאָרגן זיין פאָלק ישרא... מילא, וועגן דער השגחה בין איך נישט מחויב זיך צו זאָר... כביכול קען זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין ; אָבער וו... יידן גאָר דאָס איז שוין אינגאַנצן נישט דיין עסק. (גיט אַ האַ... טיקן שמעק טאַבעק). מע האָט דיר איינמאָל אָפּגעשני... ביסטו אַ ייד און פּטור. דו הערסט ? און פּטור ! אַ גוטן ט... 

נ ח מ ן : גייט מיר געזונטערהייט, רבי. אַ שיינ... דאַנק פאַר דער טירחה.

## א. לוצקי

# דער יינגסטער אויף דער וועל...

דער שטראָם איז שיכור פון געררויש.
ער קוועלט — די וועלט — איז אַן אַ צאַם.
וואוהין זיין איַיל ?
— אַהיים צום ים.

דער בוים האַלט הויך די הענט צעשפּרייט. —
אַזוי ווי שוין צו פליען גרייט.
וואו וויל ער זיין ?
— אַוואו ער שטייט.

די בלום פאַרשמעקט דאָס פעלד אַרום.
און קוים זי האַלט זיך אויף אַ שטרוי.
און וואָס איר וואונטש ?
— אַ טראָפּן טוי.

דער לייב —'דער מלך אינעם וואַלד.
ער לאָקערט אום און ברומט געוואַלד.
אָנגעזעטיקט —
שטילט ער באַלד.

און גאָט פון נידער און דערהויב,
וואָס נערט דעם טיגער און די טויב.
און וואָס וויל גאָט ?
— פון שטויב אַ לויב.

מענטש, דער יינגסטער אויף דער וועלט.
זיין ווילן נאָך ניט איינגעשטעלט.
ער האָט פאַר זיך די גאַנצע וועלט —
און ווייסט אַליין נישט וואָס אים פעלט.